



## א צייטונג פיר יודישע פרויען און פאמיליע.

ערשיינט יעדע וואך

רעדאקטארען:

פיר בעלעטריסטיק און פראווינץ־ | פיר פובליציסטיק און וויסענ־
---|---
אבטהיילונג: | שאפט.
מ. ספעקטאר. | ד״ר ח. ד. הורוויץ.

פערלאג „פאלקס־בילדונג״.

**אבאנאמענטס־פרייז:**

עסטרייך־אונגארן: יעהרליך 7.50 קראנען,
האלב־יעהרליך . . . . 3.75 „
פירטעל־יעהרליך . . . . 1.90 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 6.80 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר .6 שילינג 6 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 8.25 פראנק.
צוזאמען מיט דער „יודישע פאלקס־צייטונג״ יעהרליך 12.50 קראנען; 11.20 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק. האלביעהרליך און פירטעליעהרליך לויט דיעזע רעכנונג.

**די אדרעסע פיר עסטרייך־אונגארן און אנדערע לענדער:**

Administration
„Jüdische Frauenwelt“
Krakau, Krakauergasse 12.

**אבאנאמענטס־פרייז פיר רוסלאנד:**

יעהרליך 3 רובל, האלב־יעהרליך 1.50 רובל
פירטעל־יעהרליך 75 קאפ.
צוזאמען מיט דער „יודישע פאלקס־צייטונג״ נור 5 רובל יעהרליך, האלב־יעהרליך 2.50 רובל, פירטעל־יעהרליך 1.25 רובל.
איינצעלנע נומערן 7 קאפ. 14 העללער.
ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ. 40 העללער.

**פרייז פיר מודעות (אנצייגען):**

פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 20 קאפ. 40 העללער, 50 פפעניג.

**די אדרעסע פיר רוסלאנד:**

Издательство „ТУШІЯ“
ВАРШАВА
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ“.

**Krakau, 27 August 1902.** **Nr. 9** **קראקוי, כ״ד אב, תרס״ב.**



**אינהאלט:** די יודישע מוטער; נאהידא רעמי. — די פרויען־וועלט: I אלגעמיינע נייעס. II יודישע נייעס. — אנ׳עבור־יאהר (ערצעהלונג); ר. א. ברוידעס. — ווי קוקען קינדער אויף בעשטראפען?; אלישבע ראבינאוויטש. — יודישע פרויען: דאנא חנה גראציה מענדעזיה; שלמה בערמאן. — פראקטישע ידיעות. — מודעות.

**פעליעטאן:** ווער ווייסט? (ראמאן); שלום־עליכם.


# די יודישע מוטער *).

עס איז צו בעמערקען — שרייבט פראפעסאר מ. לאצארוס — אז די נאציאנאלע העלדען פון אלע אלטע פעלקער זענען אין זייער קינדהייט געווען אין א גרויסע סכנה און נאר על פי נס ווערען זיי געראטעט. ווי למשל ביי אונז יודען איז משה רבינו געראטעט געווארען דורך זיין מוטער יוכבד, וואס האט איהם אין א קעסטיל בעהאלטען און געלעגט אויפ׳ן טייך ניל. אט, דער פאקט ווייזט, וואס פאר א כבוד דאס יודענטהום גיט אב דער מוטער, און ווי געשעצט די מוטער איז.

אין 7־טען קאפיטעל פון חשמונאים ב׳ לייענען מיר:

„און אויך א מוטער מיט איהרע זיעבען זיהן זענען געווען פערשפארט אין דער תפיסה, האט דער קעניג זיי געהייסען עסען חזיר־פלייש. האט מען זיי געשלאגען מיט ריטער און מיט שטעקענס.

דער עלטערער האט געזאגט:

איך וועל שטארבען, און וועל נישט טהון וואס מען טהאר נישט.

*) פריי לויט נאהידא רעמי.

האט מען איהם אבגעהאקט הענד און פיס און אויפ'ן פייער פערברענט, און די מוטער און די ברידער זענען געשטאנען דערביי און האבען דאס צוגעזעהן. דערנאך האט מען גענומען דעם צווייטען, דעם דריטען, דעם פיערטען, — און אלע האבען זיך געלאזט הרג'ענען "על קדוש השם", עס איז נאר געבליבען דער זיבעטער, דער יונגסטער. און דער שלעכטער קעניג איז געריהרט געווארען, און ער האט געבעטען די מוטער, זי זאל איבער רעדען דעם איבערגעבליבענעם איינציגען זוהן, ער זאל פאלגען, וואס מען הייסט איהם. און די מוטער האט צו דעם קינד אזוי געזאגט:

הער, מיין קינד, 9 חדשים האב איך דיך געטראגען און 3 יאהר האב איך דיך געזויגען, א סך און א סך בין איך פון דיר אויסגעשטאנען ביז איך האב דיך אויפגעצויגען, און יעצט טהו מיר דאך צו ליעב, וואס איך בעט דיך. זעה, מיין קינד, דעם הימעל און די ערד און די מענשען האט דאך גאט בעשאפען, און איצט וואס האסט דו מורא פאר דעם רוצח? שטארב אזוי ווי דיינע ברידער זענען געשטארבען".

אזוי האט די מוטער געענטפערט און האט געזעהן, ווי מען האט איהר לעצטען זוהן גע'הרג'עט און האט זיך געטרייסט, אז זי וועט זיך מיט איהם זעהן אויף יענער וועלט.

און אין דער גאנצער יודישער געשיכטע זעהן מיר, אז די יודישע מוטער איז נישט נאר א גוטע הויזפיהרערין געוועזען, נישט נאר די קינדער אויפגעצויגען, נאר אויך ווען ס'איז אויסגעקומען, איז זי די ערשטע גע־גאנגען אויפ'ן פייער פאר איהר אמונה.

אין גאנץ תנ"ך געפינען מיר א סך ביישפיעלען, ווי הויך געשעצט דאס מוטערשאפט איז געוועזען ביי יודען. דאס גרעסטע גליק פון א פרוי איז געוועזען — א סך קינדער צו האבען, און דאס גרעסטע אומ־גליק — צו זיין איין עקרה. עס איז גענוג מיר זאלען דערמאהנען די געשיכטע פון רחל און לאה, פון חנה שמואל הנביא'ס מוטער.

חנה פלעגט יעדעס יאהר אויפגעהן קיין שילה מיט איהר מאן אלקנה צו ברענגען קרבנות אויפ'ן מזבח, וואס איז דעמאלס געוועזען אין שילה, נאר נאך דעם ווי זי האט געהאט שמואל'ן בלייבט זי אין דער היים, ווייל זי איז אין גאנצען איבערגעגעבען איהר קינד און איז נאר פערטהון מיט זיין אויפציהען. דערנאך ערשט, אז שמואל איז עלטער געווארען, און חנה האט איהם געברענגט "צו גאט" לויט איהר נדר, געהט זי נאך טהיילמאל קיין שילה, נאר איבער איהר זוהן, וואס געפינט זיך יעצט דארט.

ביי יודען האט יעדע מוטער אליין געזויגען איהר קינד; פון קיין אמען האט מען נישט געוואוסט. געזויגען א קינד האט מען 3 יאהר (אין איטאליען איז נאך ביי יודען איינגעפיהרט צו זייגען קינדער ביז אין דריטען יאהר).

דאס אויפציהונג פון קינדער דאס איבערגעבען פון אמונה — און זיטליכקייט איז אין גאנצען געלעגען אויף דער יודישער מוטער. דער תלמוד זאגט (ברכות י"ז ע"א) "א מוטער וואס פיהרט אליין די קינדער צום דאווענען, איז ווערטה צו ריהמען". דאס וואס די יודישע פרוי ברויך א סך מצות נישט צו טהון, (ווי צום ביישפיעל תפילין לעגען און אנדערע מצות) איז דעריבער, לויט ווי דער תלמוד זאגט, ווייל זי ברויך די קינדער אויפצוציהען.

אין כתובות (דף מ"ט) געפינען מיר א גאנצע הלכה וועגען דעם וואס מען ברויך צו טהון, אז דער פאטער זאגט זיך אב אויפצוהאל־טען זיינע קינדער, ווי אזוי דאס בית־דין קען איהם נייטען אויפצוציהען און צו ערנעהרען זיינע קינדער. וועגען דער מוטער רעדט זיך קיינמאל נישט אזוי, ווייל וועגען א מוטער איז גאר נישט איינגעפאלען קיינעם צו קלעהרען, אז זי וועט זיך אבזאגען פון איהרע קינדער. דאס ווייזט ווי די בעלי־התלמוד האבען געהאלטען פון דער יודישער מוטער.

אין דער תורה געפינען מיר שטענדיג צוזאמען:

# פעליעטאן.

## ווער ווייסט?

אראמאן אין צוויי טהייל

פון

## שלום-עליכם

(פארטזעטצונג).

### VII

### מע רעדט איהר שידוכים.

די מעשה מיטן פראוויזאר דעם "שלים מזל" האט אנגעארבייט אין שטעדטעל א שטיקעל קאכעניש, אבער נאר אויף א ווייל. דינה'ס ריין קלאהר אויסזעהען, איהר קוקען איטליכען גלייך אין די אויגען אריין און איהר בגעהן זיך מיט דער וועלט האבען ארויסבאוויזען, אז בייזע מיילער האבען נישט געהאט וואס צו טהון און האבען אומ־זיסט געשארפט זיך די צינגלעך. נישט אזוי אבער האט די זאך אויסגע־וויזען ביי איהרע עלטערען. יהושע יענקל און זיין ווייב לאה, וואס זענען געוואהנט געווארען צו קוקען אויף דינה'ן ווי אויף א קינד נאך, האבען מיט א מאל דערזעהען, אז זייער טאכטער איז אויסגעוואקסען געווארען א מיידעל "צו לייטען" און מע האט אנגעהויבען צו טראכ־טען מכח א שדוך טהון. אמת, ס'איז לאה'ן געוועזען נישט גרינג צו שיידען זיך מיט דער גאנצער פיהרערין אין קלייט און אין שטוב, נאר וואס זאל מען טהון? צוליעב דעם וועט דאך זייער טאכטער נישט זיצען איין אייביגע מויד, און רב שלום שדכן איז געווארען איין אפטער גאסט ביי יהושע יענקלען. פריהער איז ער אריינגעקומען כלומר'שט גלאט אזוי זיך, א ביסעל שמועסען מכח דעם — יענעם — לאקש — בויי־דעם, האפען דערביי א קוקעל אויף דינה'ן, און ווי א קעצעלע זיך אונטערגנבה'נען צו איהר מיט עפיס א ווארט, און נאכדעם איז ער ביסל־לעכווייז שוין גלייך, פשוט און גאנץ אפענטליך אונטערגעפאהרען צו דינה'ן מיט א ווארט און געקוקט בשעת מעשה נישט אויף איהר, נאר אויף זיין אייגענע בארד.

— א שטיינער, כדומה למשל, וואס פאר א מין חתן וואס, וואלסט דו געהאט א השגה דו, איך זאל דיר געבען איך, הא? און רב שלום שדכן האט געעפענט זיין קראם פון חתנים, א גאנצער אוצר, הן פון דערהיים פון מאזעפעווקע, והן פון דער פרעמד: פון טעטרעוויץ פון מאקארעווקע, פון קעשעניוו, פון וואראטיליווקע, פון יאמפעלע און פון סטריטש און אפילו פון דער גרויסער שטאדט פון יעהופעץ, ווי איינער רעדט: "סחורה איז ביי מיר פאראן, קלויבט אייך אויס, וואס אייער הארץ געליסט".

רב שלום שדכן אליין איז אפילו ניט אזא גרויסער בריה אויף

„האלט בכבוד טאטע־מאמע"

„האב מורא פאר דיין מאמען און דיין טאטען".

די גמרא ערקלערט אז איבער דעם שטעלט דער פסוק ביי בכבוד־האלטען דעם טאטען פאר דער מאמען און ביי מורא־האבען פערקעהרט „דיין מאמען און דיין טאטען", ווייל דער שטייגער פון א מענש איז מעהר אין הארצען בכבוד צו האלטען די מוטער פאר'ן פאטער, און מורא־האבען פערקעהרט: האט א מענש מעהר פאר'ן פאטער, ווי פאר דער מוטער, דעראיבער שטעלט דער פסוק פערקעהרט צו ווייזען, אז מען ברויך גלייך אבגעבען כבוד ביידען.

און אומעטום אין פסוק געפינען מיר דאס זעלבע:

„פערשאלטען זאל זיין דער מענש, וואס גיט נישט אב קיין כבוד טאטע־מאמע". (דברים כ"ז).

„פאלג, מיין זוהן, דאס געבאט פון דיין פאטער, און פערלאז נישט די לעהרע פון דיין מוטער". (משלי ו' כ').

„דיין פאטער וועט זיך מיט דיר פרייען, און דיין מוטער". (משלי כ"ג, כד).

עס איז צו בעמערקען דער אונטערשיעד פון פאטער און מוטער:

„א קלוגער זוהן דערפרייט זיין פאטער, און א נאר איז א פיין פאר זיין מוטער". (משלי י'. א')

ווי געשעצט די מוטער איז געוועזן ביי יודען ווייזען אויך די אויסדריקען „זרעות־אם" (די ארמען פון א מוטער) און דעסגלייכען, וואס קומען צו בעצייכענען די איידעלסטע ליעבע. דאס ווארט „אם" (מוטער) אליין ווערט צוגעגעבען אויף א צייכען פון כבוד. ביי דבורה הנביאה שטעהט: „ביזט געווארען א מוטער אין ישראל" (שופטים ה').

באגומיל האלץ דערצעהלט אין זיין ווערק „א מענש און מענשען" פון א ווארשעווער זיעבעציגיעהריגער יודישער פרוי, וואס האלט אויף קינדער און אייניקלעך, דערנעהרענדיג זיך אליין בלויז מיט ברויט און קאשע. „אבענד אין א רעגען — שרייבט ער — שלעפט זי זיך ארום קלעטרענדיג אויף די הויכע טרעפען; דערביי טראגט זי אויף זיך אזא שווערע משא אלטע קליידער, וואס וואלטען קוים געקענט אריין אין צוויי שאפעס. און די אלטיטשקע, וואס ארבייט אהן אויפהער 12 שעה אין טאג, איז געוועזן גליקליך, אז זי האט געקאנט פערדיענען אפאר איבעריגע גראשען. מיט וואס פאר א פרייד האט געשיינט איהר פנים, אז אין א שרעקליכער פראסט, זענען איהר א קעגען געלאפען א האלב טוץ האלב נאקעטע קינדער און געריסען פון די הענד דאס ברויט! אדער ווי גליקליך זי איז געוועזן, אז זי האט געקענט בכבוד שבת־מאכען. מיט וואס פאר א נחת האט זי ליכטגעבענשט!"

די יודענע, וואס האלץ בעשרייבט, איז פאר אונז יודען נישט קיין נייעס. מיר קענען זי גאנץ גוט, ווייל וואו זענען זיי נישט דא אט די „אלטיטשקע", די גוטע און פרומע?

דער פאעט היינע דערצעהלט וועגען זיין פריינד'ס מוטער: עס געהט קיין טאג נישט איבער, זי זאל נישט העלפען קיין ארעמען. עס האט זיך געדאכט, אז זי וואלט נישט געקאנט רוהיג שלאפען, זי זאל פריהער נישט האבען עפיס גוטס געטהון. זי טהיילט נדבות מענשען פון פערשיעדענע רעליגיאנען: יודען, כריסטען, טערקען און אפילו אפיקורסים פון ערגסטען סארט.

די פרוי, וואס היינע האט אזוי פארגעשטעלט, איז געוועזן דעם בעריהמטען קאמפאזיטער מאיר־בער'ס מוטער. פון דער זעלבער פרוי דערצעהלט מען, אז ווען מען האט צום ערשטען מאל געשטעלט איהר זוהנ'ס אפערע „ראבערט דיאוואל", האט מען מאיר בער'ען אין מיטען שפיעלען דערלאנגט א בריעף פון זיין מוטער. ער האט איהם באלד געעפענט און דורכגעלעזען די פאלגענדע ווערטער:

„יברכך ד' וישמרך א. ז. וו. און אונטערגעשריבען „דיין מוטער".

נ.

---

אויספיהרען שידוכים, נאר וואס העלפט דא בריה'שאפט? דער עיקר איז מזל, א שטיקעלי הצלחה אז גאט גיט איז שוין גענוג. למשל נעמט אונזער נגיד פישמאן וואס איז ער געוועזן פריהער? א גארנישט מיט א נישט, היינט איז ער א גאנצער מאכער. באשר וואס? באשר ער איז א בר מזל. אמת, מע זאגט, אז ער האט בענומען די שותפים פון קאפ ביז פיס, צוגעשטעלט אויף זיי פאלשע קוויטלעך, געסטראכירט און געברענט, געטהון מעשים אשר לא יעשו — דאס איז אבער אלץ געזאגטע זאכען. אנו, פרובט איהר מאכען פאלשע קוויטליך, פרובט איהר סטראכירען און ברענען — בלאטע, אז ס'איז ניטא קיין הצלחה וועט זיך אייך ניט העלפען קיין חכמות... דאס אייגענע איז מיט שדכנות: איינעם גליקט דאס אפ, עס נעמט זיך אן ווי פאקען, און דעם אנדערען געהט נישט, חאטש צערייס זיך, וואס פאר א גלייכע זאך ער זאל ניט פארלייגען, קומט דאס אויס קרום ווי א קאטשערע; ווייל דער מחותן, וויל ניט די מחותנת'טע; ווילען זיי ביידע, וויל נישט יענער צד; ווילען ביידע צדדים, ווילען נישט חתן כלה; ווילען חתן כלה — מישען זיך אריין ווילד פרעמדע און מאכען קאלי. — א שדוך איז איין איידעלע מאטעריע, נאר א שלאפע, סע רייסט זיך; שדכנות איז א גאנץ פיינע פרנסה, נאר קיין ברויט קאן מען דערפון נישט האבען, אויף איין קאפאטע א ודאי און א ודאי ניט, — אזוי זאגט ר' שלום שדכן און פון דעסטוועגען זוכט ער זיך נישט קיין אנדער פרנסה; „מיט קיין ברויט — זאגט ער — ווארפט מען זיך ניט", און ער שרייבט זיך איבער מיט דער גאנצער וועלט, דאס הייסט מיט אלע שדכנים פון דער וועלט, און די שדכנים שרייבען זיך איבער מיט נאך שדכנים, איינער שרייבט דעם אנדערען, און סע פליהען בריוויליך אויף דער וועלט, אז ס'איז פאראן אין מאזעפעווקע ביי הנגיד מוהר"ר יהושע יענקעל א טעכטעריל א זעלטענע יפת תואר און א קענערין דערצו, א בעל תנ"ך איינע אין דער וועלט, דקדוק, און גמרא, און שפראך און „וואס איהר ווילט", און צוליעב איהר הויבט מען שוין אויך יהושע יענקלען אויף דרוקעס און מע קרוינט איהם פאר א „נגיד" און פאר א יחסן און א „חכם" א „למדן" א „מופלג" ווי געוויינטלעך... די שדוכים וואס רב שלומ'ס קארעספאנדענטען האבען פארגעלייגט זענען אלע געוועזן „די גרעסטע, די שענסטע און די פיינסטע" פון דער וועלט און, וועדליג די שדכנים האבען געשריעבען, איז איטליכער שדוך געווען ווי געווינשען און אין איטליכען פון זיי האט געשטעקט א גליק הן פאר דער כלה אליין, והן פאר איהרע פאטער און מוטער, והן פאר דער גאנצער משפחה זייערער. שפעטער, אז ס'איז געקומען צום צענויפפאהרען און אנקוקען זיך, האט זיך אויסגעלאזט געוויינטליך א בוידעם: דער גרויסער מיוחס איז טאקי געוועזן א מיוחס נאר עס איז געוועזן א שטיקעל חסרון: די משפחה איז געוועזן פון גאלע נידעריגע מענשען... דער גביר דער „מפורסם" איז טאקי געוועזן א גביר, נאר קיין געלד האט ער נישט געהאט; דער „למדן" דער „חכם", דער „קענער", דער „כתבא רבה" איז געוועזן איין עם־הארץ, קיין צלם פאר

# די פרויען־וועלט.

## אלגעמיינע נייעס.

(א מלחמה פאר די פרויען־רעכט). דער בונד פון דעם דייטשען פרויען־פעראיין גרייט זיך צו מלחמה צו האלטען פאר זיינע רעכטען. די פרויען פערלאנגען מען זאל זיי געבען דאס רעכט צו פערזאמלען זיך און צו גרינדען נייע פעראיינען. דער בונד האט שוין געפרובט איינינע מאל וועגען דעם צו אונטערהאנדלען, עס איז איהם אבער דערווייל נאך נישט געראטהען. דער בונד לאזט נישט פון דעםטוועגען נאך און וויל אויספיהרען דאס זייניגע.

(א שפיטאל פאר יונגע פרויען און מיידלעך). די חברה „יוגענד־שוטץ" אין בערלין האט בדעה די צייטען צו גרינדען ביי בערלין א שפיטאל פאר קראנקע יונגע פרויען און מיידלעך, וואו זיי זאלען קענען אין גאנצען געזונד ווערען. איינער א דייטשער נדבן גיט דאס געלד, וואס דער פלאטץ דארף קאסטען. די פארשטעהערין פון דער חברה האבען שוין כמעט צונויפגעקליבען דאס גאנצע געלד, וואס עס איז נייטיג דעם דאזיגען שפיטאל אויפצובויען און אויסצוהאלטען.

(א יאפאנישע פרוי). אין יאפאניען האלט מען אז די פרוי איז בעשאפען געווארען כדי צו פאלגען דעם מאן און איהם אבגעבען כבוד. נישט לאנג אבער האט א פרוי פון יאפאניען דאס ערשטע מאל בעוויזען, אז עס דארף אזוי נישט זיין. די דאזיגע פרוי האט נישט געפאלגט דעם מאן, וועלכער האט איהר געהייסען טהון איינינע הויז־ארבייט. עס פערשטעהט זיך, אז דער מאן האט זי באלד געוואלט גט'ען. זי האט אבער געמאכט אויף דעם מאן א משפט און דאס יאפאנישע „בית־דין" האט איהר גערעכט געגעבען, אז זי דארף נישט טהון קיין הויז ארבייט וואס זענען איבער איהרע כחות.

(א נייע צדקה חברה). אין פעטערסבורג האט זיך געגרינדעט א נייע צדקה חברה, וועלכע האט דעם צוועק צו געבען יונגע מיידלעך די מעגליכקייט זיך אויסצולערנען א מלאכה און דערנאך זיי צו פערשאפען שטעלען וואו צו ארבייטען.

(א פרוי די בעסטע רעדנערין). פארינגען חדש איז אין בערן (שווייץ) געוועזען איין אספה אויף וועלכע עס זענען זיך צוזאמענגעקומען זשורנאליסטען כמעט פון אלע מדינות אין דער וועלט. מעהר פון אלע מדינות זענען אנגעקומען אויס פראנקרייך, ווענינער פון אלע אויס רוסלאנד. אויף דער אספה האט מען געהאלטען פערשיעדענע רעדען, נאר מעהר פון אלע רעדנערס האט זיך אויסגעצייכענט א פרוי סעווערין אויס פראנקרייך א רעדאקטארען פון א צייטונג. די דאזיגע פרוי סעווערין איז איינע פון די וואס האבען געפאדערט מען זאל דרייפוס'ען איבער'משפט'ען און איהרע ארטיקלען, וואס זי האט אין איהר צייטונג דענסטמאל געשריעבען, האבען זעהר פיעל געווירקט. פרוי סעווערין רעכענט זיך כמעט פאר די בעסטע רעדנערין אין פראנקרייך.

## יודישע נייעס.

(א נייער שפיטאל). מיט אפאר וואכען צוריק האט די חברה „עזרת נשים" אין ירושלים, געלעגט דעם ערשטען שטיין צובויען א שפיטאל פאר משוגעים. די דאזיגע חברה וואס איז איז דער התחלה געגרינדעט געווארען צו העלפען ארעמע קינדבעטארענס האט באלד איינגעזעהען, אז דאס אליין איז צו ווייניג, זי האט זיך דערוואוסט פון נאך א סך נייטיגע זאכען וואס די שטאדט האט נישט, און דער עיקר האט זי גערירט דער צושטאנד פון מעהרע פרויען וואס זענען גייסטיג קראנק, און וואלגערן זיך ארום אין די גאסען און קיינער גיט אויף זיי קיין השגחה נישט, און האט דארום אנגעהויבען זאמלען געלד אויף צו בויען א שפיטאל לויט די נייעסטע ארדנונג. ביז נישט לאנג האט זי צוזאמענגעקליבען איין ערך פון 8 טויזענד פראנק. מיט אזוי ווייניג געלד האט מען אבער נאך נישט געקאנט אפילו אנהויבען בויען אזא סארט שפיטאל, ווי די חברה האט געוואלט. נאר פאר א פאר חדשים איז געשטארבען א יודישער גביר אויס מאסקווא ר' ישעיה אהרן ניישטאדט וועלכער האט זיך נאך ביין לעבען אויסגעצייכענט מיט זיינע גרויסע צדקות, וואס ער האט געגעבען אויף פערשיעדענע חברות און אין זיין צוואה האט ער אבגעשריעבען 20 טויזענד מיט 6 הונדערט פראנק פאר דעם דאזיגען שפיטאל. דער שפיטאל וועט זיך אויך רופען אויף זיין נאמען: „בית ישע אהרן".

(א נייע חברה אין פאריז). די פרוי פון דעם פאריזער רב הכולל צדוק כהן, האט געגרינדעט אין פאריז א חברה מיט דעם נאמען „יודישע אכטונגגעבערענס אויף קראנקע". דער צוועק פון דער חברה איז צו ערציעהען יודישע מיידלעך און אכטונג געבען אויף יודישע קראנקע, בכדי יודישע קראנקע זאלען נישט ברויכען רופען קיין קאטוילישע מאנאשקעס, ווי עס איז געוועזען דער מנהג ביז היינט.

## אנ'עבור־יאהר.

(ערצעהלונג)

פון ר. א. ברודם.

(פארטזעטצונג).

III.

עטליכע טעג זענען אוועק.

אין איינעם אבענד איז גדליה געקומען אהיים מיט א פול טויל מיט געלעכטער.

— הער, אסתר, א מעשה! — האט ער אויסגערופען איידער ער האט זיך נאר א ניעדער געזעצט, — הער צו און לאך אויך... איך האב געטראפען דעם הערען לאזער צוקער, איך האב מיט איהם א שמועס

קיין אלף; אדער א אידיאט, אדער א פוסטער פראנט א שארלאטאן, איינער ערגער פון דעם אנדערען. רב שלום שדכן איז פון דעסטוועגען נישט אראפגעפאלען ביי זיך אויף קיין האר. „אלץ אין איינעם איז ניטא ביי קיינעם" האט ער געזאגט מיט א ווערטעל, „מסתמא איז דאס ניט איהר זווג מסתמא" און ער האט ניט אופגעהערט צו שרייבען בריוולעך. דינה'ן איז נמאס ומאוס געווארען דאס אנקוקען זיך אלע מאל מיט דעם אויסהערען אלע מאל די זיסע רייד, וואס זענען כמעט ביי אלע חתנים גלייך און וואס שלאגען צו דער גאל, צום ביישפיל: „ווי געפעלט אייך די פאגאדע?" אדער: „ווי אזוי איז ביי אייך דער כאראקטער?" אדער: „וואס איז אייך בעסער צום הארצען — א בלאנדין צו א ברונעט?" אדער: „פאראן עפעס א סך מיידלעך כלות ביי אייך אין שטאדט?" וכדומה. א קוק טהון אויף דינה'ן און אויף איהרע חתנים האט א בלינדער אויך געקאנט ארויסזעהען, אז ס'איז גלייך ווי א קאטשערע; קיין טענות האט צו איהר קיינער נישט געקאנט האבען, און דאך האט זי באקומען אין שטאדט א שם פון איין איבערקלויבערען. יהושע יענקעל און נאך מעהר זיין ווייב לאה האבען דערפון קיין נחת נישט געהאט און האבען אנגעהויבען מורא צו האבען, אז זייער טאכטער זאל חלילה נישט פארבלייבען קיין איבערגעזעסענע מויד, חאטש דינה איז דעמאלט איינענטליך נאך נישט אלט געווען זיין גאנצע צוואנציג יאהר.

(פארטזעטצונג קומט).

געטהון וועגען דעם שידוך, — און טרעף וואס ער האט מיר געענטפערט?

— איך האב פיינט צו טרעפען, דו ווייסט דאך! אדרבה דערצעהל וועל איך אויך לאכען...

גדליה האט א מאך געטהון מיט ביידע הענד און האט ווייטער געלאכט.

— וואס? אפשר איז איהם דער שידוך ניט רעכט? ניט פאסט?

— אבער! פונקט פערקעהרט, ער וויל זעהר...

— נאר וואס דען?

— הער־זשע, וועסט דו אויך לאכען! ער האט מורא דאס פאר־צושלאגען זיין פרוי, טאמער וועט זי בעקומען ספאזמעס, טאמער וועט זי חלש'ען...

— וואס איז אזוינס?

— פשוט איז פשוט! עליזאבעטא, ווייסט דאך, וויל נאך גילטען פאר א יונג־ווייבעל, — הייסט אז מען וועט איהר זאגען אז זי האט שוין א טאכטער חתונה צו מאכען וועט זי חלש'ן, וועט זי שטארבען... פערשטעהסט א מעשה! לאזער זאגט מיר גאנץ אפען: איך קען דאס איהר נישט זאגען, איך וויל ניט אנמאכען א געשריי א לארעם...

— נו?

— נו, נו! איך וועל שוין די זאך איבערנעהמען איך מוז דיר זאגען: דער שידוך געפעלט מיר, — מילא, איהרע שגיונות וועל איך שוין מוזען איהר ארויס שלאגען פונ'ם קאפ...

איך פערשטעה דאס ניט! מילא, איך בין דאך א יודענע, האב אויך, ווי מע זאגט, א ווייבערשע נשמה, אבער אזוי אנ'איינבילדונג, רחמנא־ליצלן!...

— מיט איהר וועל איך שוין לערנען בלק! הער נאר צו: אין דער קומענדיגע וואך פאלט ריכטיג דוד'ס געבורטס־טאג, דאס מאהל וועלען מיר איהם פייערען גרויסארטיג: ער איז געווארען א דאקטאר, איז אויך עפיס א שטיקעל שמחה... מיר וועלען איינלאדען אלע אונזערע פריינד, מיר וועלען לאזער'ן און עליזאבעטא'ן אויך פער־בעטען צו דער סעודה, און איך וועל שוין וויסען וואס איך האב צו טהון.

— טהו ווי דו פערשטעהסט.

---

IV.

דער געווינשטער טאג איז געקומען.

אסתר האט זיך שטארק בעשעפטיגט מיט אלע פארברייטונגען, — „פון מיין דוד'ס וועגען מוז אלצדינג שען זיין", — האט זי אלעמען געזאגט, און האט טאקי אליין אויך פיעל געארבייטעט כדי אז דער „אבענד" זאל גוט ארויסקומען.

עס זענען פיעל געסט געקומען. לאזער און עליזאבעטא האבען אויך ניט געפעהלט. (ראזא'ן האבען זיי ניט מיטגענומען — „זי איז נאך א קינד, זי קומט נאך ניט צווישען לייטען" — האט עליזאבעטא ערקלערט). אסתר האט ארויסגעגעבען זעהר גוטע פאטראוועס, גדליה האט פערזארגט ביער און ווין „כיד המלך" און דער עולם האט זיך גוט פערבראכט. צווישען איין געריכט און דאס אנדערע האט מען געשפראכען, דערצעהלט מעשות און ווייטער געגעבען און ווייטער געטרונקען. רעדענדיג איז מען אויך געקומען צו שמועסען פונ'ם וועטער.

— ס'איז שוין לאנג נאך סוכות, אט אט איז שוין חשון אוועק, און נאך קיין צייכען פון ווינטער.

— וואס ווילט איהר? האט גדליה געזאגט, איהר ווייסט דען ניט אז מיר האבען היינטיג'ס יאהר אנ'עבור, הויבט זיך אן דער ווינטער שפעטער.

— ריכטיג! דער ווינטער האט אזש זיעבען חדשים.

— און ווייסט איהר, מיינע הערען, אז עס גיבט נאך א סך גרעסערע עבור־יאהרען, מיט א סך חדשים לענגער, האט פלוצלינג א זאג געטהון גדליה.

— וואס הייסט?

— אנ'עבור יאהר וואס דויערט כמה וכמה חדשים און אמאל אויך יאהרענ־לאנג...

— ווער האט דען אזוינע עבור־יאהרען? האט דער עולם א פרעג געטהון זעהר נייגעריג.

— די פרויען און די פרייליינס...

פאסט אלע האבען זיך פערוואונדערט, אנגעקוקט גדליה'ן גלייך אין די אויגען אריין — זיי האבען דעם וויטץ ניט פערשטאנען.

— זעהט איהר, — האט גדליה ווייטער געזאגט כדי דעם עולם פערשטעהן צו געבען, — א פרוי, למשל, אז זי ווערט אלט 29 יאהר... ווארט זשע אביסעל, ביז זי ווערט אלט 30 דויערט דאס אוועק ימים ושנים, דער 29־סטער יאהר איז ביי איהר אנ'עבור יאהר, אבער ניט פון 13 חדשים, — א סך א סך מעהר! נאך לענגער איז דער עבור פון דעם 39־סטען יאהר, נו, אבער מען קען דאס נאך אויך איבערקומען, ביטער איז ווען א פרוי דארף אלט ווערען 40, — דא איז א מעשה אהן א סוף, דא מעגסטו צעהלען און צעהלען און ווייטער צעהלען — וועסט ניט פערטיג!... דאס איז א גוואלדיגער עבור...

די מענער האבען געלאכט, די פרויען זענען אביסעל רויטלעך געווארען און אויך צו געשמייכעלט.

— איך זאג חלילה ניט אז די פרויען ווערען עלטער, — האט גדליה זיין וויטץ נאך צוגעפעפערט, — איך מיין נאר אז די יאהרען זענען ביי זיי עבור יאהרען, אקוראט ווי דאס 17־סטע יאהר ביי א מיידעל...

וויעדער א געלעכטער.

— זעהט איהר, הערר זוסמאן, די צייטען בייטען זיך און אונזערע מיידלעך מיט זיי! — האט איין גאסט בעמערקט כלומר'שט תמ'עוואטע, — אין אונזער אויפגעקלערטע צייט איז דער 20־סטער יאהר ערשט ביי די מיידלעך אנ'עבור יאהר.

אויך ביי דעם וויטץ האבען די מענער אביסעל געלאכט, די פרויען אביסעל רויט געווארען און פארט געשמייכעלט; נאר עליזא־בעטא האט געוויזען אנ'אונצופרידענע מינע. איהר, שיינט עס, האט שטארק פערדראסען איבער אזוינע וויטצען אבער עס האט איהר ניט געפאסט זיך אריינצומישען אין דעם שמועס, איז זי געבליבען זיטצען אזוי ווי ברוגז.

אסתר האט עס בעמערקט.

— מאכט ניט אזוי חוזק, מענער! — האט זי זיך אנגערופען אזוי ווי מיט א בייזער, — הלעבען, איהר זייט אויך ניט בעסער! זאגט נאר דעם אמת: וויפיעל מענער פערלייקענען זיך די יאהרען און מאכען זיך יונגער, פארבען זיך אפילו די האר אויך, ווילען זיך אויך אויספוטצען און גילטען פאר יונגע לייט, נישט־קשה, איהר האט אויך געגונג עבור־יאהרען.

אלע פרויען זענען צופריעדען געוועזען מיט דעם ענטפער, און עליזאבעטא האט שטילערהייט א זאג געטהון: „זעהר ריכטיג!"

דערווייל האט דער משרת געבראכט אפאר פלעשער ווייך, גדליה האט זיך גענומען צום פראפענציהער די פלאשען צו עפענען, און דערביי מודיע געווען:

— דער וויין איז א גאנץ אלטער וויין, פאוואלע ווי איהר טרינקט... לאנגזאם...

— איך האב אמאל ערגעץ געלייענט אז די פרויען זענען געגליכען צום וויין, — האט אסתר זיך אנגערופען, — אויך זי קען פערשיכור'ן א סך מענער, און וואס זי ווערט עלטער איז זי, אזוי ווי דער גוטער וויין, אלץ בעסער און בעסער!...

— בראוואו!! האט עס געדונערט פון גאנצען טיש.

— איך טרינק פאר דעם געזונד פון די אלטען פרויען!

אלע האבען מיט די גלעזער אנגעקלונגען, „בראוואו!" געשריען, און עס איז געווארען אביסעלע לעבעדיג.

נאר עליזאבעטא קען זיך ניט טרעסטען.

*

— וואס איז איהם עפעס היינט איינגעפאלען אזוינע פוילע וויטצע צו מאכען? האט זיך עליזאבעטא בעקלאגט פאר איהר מאן אהיים געענדיג, — האט ער טאקי מיך געמיינט צוטרעפען דער מיט?

— וואס פאלט דיר איין? זוסמאן עהרט דיר און שעטצט דיר, ער קען זיך קיינמאהל גאר ניט אבלויבען ווען ער רעדט פון דיר.

— וואס־שזע דען?

— גאר נישט. ער איז דאך אשטיקעל ליץ.

— אנ'עבור יאהר! ווי פויל איז דער וויטץ...

קומענדיג אהיים, האט זיך לאזער צו לעגט אויף איין פאטעל, שטארק אויפגעטאטעמט, און אזאג געטהון אזוי אין דער וועלט אריין:

— אך, ווי שיין איז אזא פאמיליען־אבענד ביי זיך צו הויז!... עס איז אברכה פון גאט... א היימישער אונטערהאלט...

— וואס האסט דו זיך עפעס אזוי פערבענקט...

— גאר נישט! איך טראכט נאר אז מיר זאלען אויך מאכען אמאהל אזא אבענד ביי אונז.

— וואס איז מיט דיר די שמחה?

— ווארט, אט באלד וועלען מיר מוזען פייערען אונזער זילבערנע האכצייט.

— די זילבערנע האכצייט? — האט עליזאבעטא גאנץ פערצווייפעלט אויסגערופען. — איז שוין דען באלד 25 יאהר אז מיר האבען חתונה געהאט?

— וואס דען מיינסט דו? — אונזער ראזא, קיין — עין־הרע...

— לאז דאס קינד צורוה!

— אבער מען דארף שוין קלערען וועגען א שידוך...

— לאז געהן... זי איז נאך אזוי יונג...

— נו, און דו ביזט דאך אויך גאנץ יונג געוועזען אז איך האב מיט דיר חתונה געהאט, — א קינד ביזט דו כמעט דענסמאל געוועזען, האט לאזער איהר געמאכט אחניפה'לע.

דער קאמפלימענט האט געווירקט, עליזאבעטא האט א שמייכעל געטהון און נישט געענטפערט.

(ענדע קומט).

---

## ווי קוקען קינדער אויף בעשטראפען?

(פארטזעטצונג).

דאס אלץ בעווייזט אונז, ווי שווער פאר יעדעס קינד איז דאס געפיהל פון בזיונות. עס קען זיין אז בעשטראפען א קינד דורך דעם וואס מען מאכט, אז עס זאל זיך שעמען, איז דאס בעסטע מיטעל, אויף דעם קינד צו ווירקען, דאס הייסט, די שטראף פיהרט גלייך צום ציעל. מען ווייסט אבער נישט, וואס פאר א שאדען אזא מין שטראף בריינגט דעם קינדערשען הארץ, ווייל זי רויבט ביים קינד זיין שטאלץ, זיין גלויבען און צוטרויען צו זיך זעלבסט.

די קינדער וואס לעגען פאר די דאזיגע שטראף ווייזען אויף, אליין נישט מערקענדיג, וואס פאר א שלעכטע ווירקונג זי מאכט אויפ'ן קינדס געמיטה. אין איין מעשה'לע האבען „טאטע און מאמע" געוואלט זייער מיידעל בעשטראפען און האבען דערצעהלט פאר אלע איהרע בעקאנטע, ווי שלעכט זי פיהרט זיך אויף. פון דעמאלט אן פלעגט דאס מיידעל זיך בעהאלטען פון איהרע בעקאנטע און נישט מעהר געוואלט רעדען מיט זיי, ווייל זי האט זיך זעהר געשעמט פאר זיי. מביי'ש זיין קינדער איז זעהר א שארף און א שטארק מיטעל, מיט וועלכע מען דארף זיין גאנץ פארזיכטיג.

אויף קינדער ווירקט זעהר שטארק א ביישפיעל, און בפרט נאך א ביישפיעל פון א חבר. ווי שטארק עס איז די ווירקונג פון א ביישפיעל קען מען ארויסזעהען פון די ווערטער, וואס א מיידעל פון 9 יאהר האט געשריבען: „ביילע איז געוועזען זעהר איין ארעמעס, אבער א גוטעס מיידעל. זי האט זיך געלערענט אין א שולע, אין וועלכער עס האט אויך געלערענט זעהר א שלעכט מיידעל, חנה האט זי געהייסען. אמאל בשעת דעם אברוהען האבען אלע קינדער זיך געשפיעלט, ביילען האט זיך אויך געוואלט שפיעלען מיט די קינדער, נאר חנה האט אנגערעדט זיי זאלען זיך ניט שפיעלען מיט ביילען. ביילע האט גאר ניט געזאגט. דער גלאק האט אנגעהויבען קלינגען און אלע האבען זיך געזעצט אויף זייערע ערטער. די לעהרערין איז אריינגעקומען און מען האט אנגעהויבען שרייבען דיקטאט. אלע מיידלעך האבען געשריבען, נאר חנה האט נישט געקענט שרייבען, ווייל זי האט נישט קיין פעדער. קיין שילערין האט איהר נישט געוואלט בארגען, ביילע אבער האט אויף איהר רחמנות געהאט און האט איהר געבארגט א פעדער. די שלעכטע חנה האט איהר אפילו נישט געדאנקט דערפאר. נאך דעם דיקטאט האט די לעהרערין ארויסגערופען חנה'ן צום קלאס־דאסקע, און האט איהר געהייסען אויפשרייבען א געדיכט. חנה איז געוועזען

א פויל מיידעל, אונ האט גאר נישט געוואוסט, נאר ביילע האט איהר אלץ געוויזען אויף די פינגער, אונ חנה האט בעקומען "א פיער" ('). אלע חברת'עס האבען געזאגט חנה'ן, אז זי דארף זיין ביילען דאנקבאר, אבער חנה האט זיך נאך אלץ גרויס געהאלטען געגען ביילען אונ איהר בעהאנדעלט ווי געוועזען. איינמאל האט זיך חנה גענומען שפארען מיט איהרע חברתע גיטעל. ביילע האט זיך אויך אריינגעמישט אין זייער שטרייט אונ האט געהאלטען פאר גיטלען. חנה איז דערפאר אויף איהר אין כעס געווארען אונ האט איהר געשלאגען אין פנים אהן רחמנות אונ ביילע האט זיך פונאנדער געוויינט אויף א קול. דערווייל איז אריינגעקומען די לעהרערין אונ האט געפרעגט, פאר וואס ביילע וויינט. גיטעל האט דערצעהלט די גאנצע מעשה. די לעהרערין איז בייז געווארען אונ האט געוואלט חנה'ן בעשטראפען, נאר די גוטע ביילע האט אנגעהויבען בעטען די לעהרערין, זי זאל חנה'ן מוחל זיין. די לעהרערין האט געזאגט צו חנה'ן: "נאר דערפאר, וואס ביילע בעט אזוי פאר דיר, בין איך דיר מוחל. דאנק איהר דערפאר!" חנה איז פערשעמט געווארען, זי איז צוגעגאנגען צו ביילען אונ האט איהר געזאגט: "לאמיר גוט ווערען! וועסט זעהן: איך וועל דיך ליעב האבען ווי איין אייגענע שוועסטער". פון דעמאלט אן זענען ביילע אונ חנה גרויסע גוטע פריינד געווארען".

(ענדע קומט).

אלישבע ראבינאוויטש.

---

# יודישע פרויען.

## דאנא חנה גראציה מענדעזיה.

(פארטזעטצונג).

נאר חאטש דער מלך איז צו זיי געווען גוט, דאך איז דאדורך די לאגע פון די אנוסים ניט בעסער געווארען. די גלחים האבען שטענדיג גערייצט דאס פארטוגעזישע פאלק געגען די נייע קריסטען, אונ דער המון־עם פלעגט אנפאלען אויף די יודען אונ אויסהרג'נען פון זיי פיעל טויזענטער נפשות. דער קעניג מנואל זעלבסט האט געמוזט איינינגע מאל צוליעב טהון דעם המון אונ ארויסגעבען שלעכטע גזרות געגען די אנוסים. מיט מנואל'ס טויט איז די ביטערע לאגע פון די אונגליקליכע געטויפטע יודען נאך ערגער געווארען. די מלוכה האט איבערגענומען יאהאן דער דריטער. יאהאן איז געווען אן אכזר אונ א שונא ישראל. ער האט זיך גענומען צו די אנוסים גאר אויף אן'אנדער אופן. ער האט געהייסען שפיאנען, אז מע זאל איהם ברייגען ידיעות וועגען די מעשים פון די מאראנען (אזוי האבען זיך גערופען די אנוסים). אגב האט ער זיך שטארק משתדל געווען ביי דעם פויבסט קלימענטי דעם זיבעטען, אז ער זאל גרינדען א אינקוויזיציאן אין פארטוגאל, וועלכע זאל משפט'ן יעדען נייען קריסט וואס וועט ניט טריי זיין דער קריסטליכער אמונה. אמת קלימענטי האט לכתחילה איהם ניט געוואלט פאלגען, ווייל נאך זיין מיינונג האט מען די אנוסים אין פארטוגאל ניט געטארט רעכענען פאר קריסטען, ווייל מען האט ביי זיי ניט געפרעגט קיין דעה, אויב זיי ווילען זיך טויפען. אויסער דעם איז קלימענטי ניט צופריעדען געווען אפילו פון דער אינקוויזיציאן, וועלכע איז געווען פון לאנג אין שפאניע.

אבער סוף כל סוף האט יאהאן III פארט געפועל'ט ביי דעם פאבסט, אז ער זאל ארויסגעבען א דעקרעט אז מען זאל גרינדען אין פארטוגאל א אינקוויזיציאן. דאמאלס איז די לאגע פון די אנוסים נאך ערגער געווארען. די אונגליקליכע האבען דערזעהען, אז לעבען אין דעם לאנד איז אונמעגליך, איז ביי זיי געבליבען, אז זיי זאלען אויסוואנדערן פון פארטוגאל. יאהאן III פון זיין זייט האט ארויסגעגעבען א שטרייננגע גזרה, אז קיין אנוס זאל זיך ניט דערוואגען פערלאסען פארטוגאל, אונ יעדער שיפסקאפיטאן, וואס וועט נעהמען אויף זיין שיף מאראנען, וועט געטוידט ווערען. דאך האט דאס ניט געהאלפען אונ פיעל אנוסים האבען זיך בערייטעט צום וועג. נאר עס האט זיי ניט געלונגען: איידער זיי פלעגען ארויף אויף דער שיף זענען די מלאכי־חבלה פון דער אינקוויזיציאן שוין געווען דא, אונ האבען די אונגליקליכע געשלעפט אין דער תפיסה, האבען זיי גע'הרג'עט אונ געברענט אויף דעם פייער.

אז קלימענטי האט דערזעהען די שיענע מעשים פון יאהאן מיט די איבעריגע משחיתים פון פארטוגאל, האט ער שטארק חרטה געהאט, וואס ער האט געפאלגט יאהאנען, אונ האט מיט א נייעם בעפעהל מבטל געווען דעם דעקרעט. ער האט בעפוילען אז מע זאל ארויסלאזען פריי אלע געפאנגענע אונ די אינקוויזיציאן אין שפאניען זאל בטל ווערען.

נאר אפנים עס איז שוין אזא יודישער מזל, דאס די צרה קומט געך אונ די ישועה פערשפעטיגט זיך תמיד. דער נייער בעפעהל האט נאך קיין צייט געהאט א טובה טהון די פארטוגעזישע יודען, אונ דער גוטער קלימענטי דער זיבעטער איז געשטארבען.—

פאול דער דריטער, וואס איז געווארען פאבסט נאך קלימענטי, האט באלד ארויסגעגעבען א בעפעהל אז קלימענטיס דעקרעט זאל מקוים ווערען, די אינקוויזיציאן זאל בטל ווערען, אונ די אנוסים זאל מען מוחל זיין זייערע עבירות געגען דער קריסטליכער אמונה. שפעטער אבער האט ער מסכים געווען, אז די אינקוויזיציאן זאל בלייבען אין פארטוגאל חאטש ער האט שטרענג פערבאטען רודף זיין די אנוסים אונ מיט געוואלד צו היטען זייער אמונה.

פאול דער דריטער האט אפטמאל פון יודען בעקומען געלד, אבער ער איז געווען באמת א גוטער מענש אונ האט זיך מיט אלע כחות געראנגעלט מיט יאהאנען אונ מיט די אינקוויזיטארען. די פארטוגעזישע יודען האבען געלעבט אין זיינע צייטען צווישען פחד אונ האפנונג. אט פלעגען זיי זיך גאר מיאש זיין דערלעבען עפעס גוטעס אונ האבען יעדע רגע ערווארטעט פרישע צרות, אונ אט האבען זיי וויעדער אנגעהויבען האפען, אז זיי וועט ווערען בעסער, אדער זיי וועלען קאנען פטור ווערען פון דיעזער בלוטיגער לאנד, פון וועלכער יאהאן האט זיי בשום אופן ניט געוואלט ארויסלאזען. פונקט אין אזא לאגע האבען זיך די פארטוגעזישע מאראנען געפונען אויך אז פאול דער דריטער איז געשטארבען, אונ אויף זיין שטוהל האט זיך געזעצט א נייער פאבסט — יוליוס דער דריטער.

די אינקוויזיציאן האט זיך אין פארטוגאל נאך מעהר געשטארקט, אין די צייטען פון די פאבסטען, מארצילוס דער צווייטער אונ פאול דער פיערטער, אונ פיעל פון די אונגליקליכע מאראנען זענען אנטלאפען קיין אנקאנא אין איטאליען.

אבער דא אין אנקאנא, וועלכע איז געווען איין איטאליאנישע שטאדט אונ איז געווען אונטער דעם שוטץ פון פאפסט פאול IV, האט די ארימע פערוואגעלטע אנוסים געטראפען דער רעכטער שלאק. פאול האט ארויסגעגעבען א בעפעהל, אז מע זאל בעפאלען אלע אנוסים אונ מע זאל זיי נעהמען געפאנגען, אונ נור איינגע פון זיי זענען נצול געווארען פון זייערע הענד אונ געלאפען נאך אנדערע לענדער. דאס רוב פון זיי האבען געמאכט זייער רייזע נאך דער טערקיי. אונ פון די וואס זענען געבליבען אין אנקאנא אין תפיסה זענען פיער אונ צוואנציג מענשען פערברענט געווארען לעבעדיגערהייט, צווישען זיי אויך אנ'אלטע יודענע דאנא מיורה. פאפסט פאול IV האט ניט אויפ-געהערט רודף זיין די יודען אונ די יודישע אמונה אונ ליטעראטור, ביז דער מלאך-המות האט בעפרייעט אלע מענשען פון דעם דאזיגען רוצח אים יאהר 1559.

II.

חנה גראציה מענדעזיא איז געווען א טאכטער פון א פארטוגע-זישען מאראנע פון דער משפחה בינבינישתי, וועלכע האט געשטאמט פון שפאניען. בשעת טויפען האט מען זי געוואהנליך אנגערופען מיט א קריסטליכען נאמען בעאטריצא, נאר איהרע עלטערן, וועלכע זענען געווען בסוד פרומע יודען, האבען זי גערופען אויך מיט א יודישען נאמען: חנה, אדער גראציה (גראציה איז דער טייטש — חן, דאס הייסט — חנה). פון קינדהייט אן האט מען זי געלערענט צו זיין א פרומע יודישע טאכטער, ליעב האבען איהר פאלק. אונ אז זי איז אויסגעוואקסען, האט מען זי חתונה געמאכט מיט איין אנוס פון דער משפחה „נשיא" וועלכער האט געהייסען מיט זיין קריסטליכען נאמען: דאן פראנציסקא מענדעז.

מענדעז איז געווען זעהר רייך. ער האט געהאט א גרויסען דיסקאנט-באנק, אונ זיינע געשעפטען זענען פערשפרייט געווען, ווי מען זאגט, אין ארבע פנות העולם: אין פראנקרייך, פלאנדריען (בעלגיען) אונ גערמאניען. די גרעסטע מלכים אונ דוכסים פלעגען לייהען געלד ביי דעם דאזיגען רייכען באנקיער. זיין קלענערער ברודער, דאן דיאגא מענדעז, האט געוואהנט אין אנטווערפען אונ האט דארט געפיהרט די דיסקאנט-געשעפטען אין זיין ברודערס נאמען. פראנציסקא מענדעז איז אין א קורצער צייט ארום געשטארבען אונ האט איבערגעלאזען די אלמנה חנה-גראציה מיט א קליין טאכטער, ריינה, זעהר א שיינעס קינד.

(פארטזעטצונג קומט).

שלמה בערמאן.

## פראקטישע ידיעות.

### פראגען אונ אנטווארטען.

פראגע: ווי נעמט מען אראב לישאיעס פון געזיכט?

אנטווארט: דאס בעסטע מיטעל אראבצונעמען לישאיעס פון געזיכט איז טואלעטען קרעם. אויך איז דערצו זעהר גוט מען זאל צוזאמען מישען צוויי גלייכע חלקים צינקזאלב מיט פרעציטאטזאלב אונ מען זאל דערמיט שמירען יעדען דריטען טאג דעם ארט וואו די לישאיע איז. אויך דארף מען נישט עסען קיין שארפע שפייזען אונ נישט טרינקען קיין שארפע געטרענקע ווי לאנג מען האט די לישאיע אויפ'ן פנים.

פראגע: מיט וואס זאל מען ריינינגען די צימערען פון אנשטעקענדע מיקראבען?

אנטווארט: דער בעסטער אונ בילינגסטער מיטעל צו האלטען ריין די צימערען, ווענען די שטראהלען פון דער זון, דאס איז סם המות פאר די מיקראבען אונ אנדערע קליינע בראוס'לעך וואס ברייגנען אן אלע אנשטעקענדע קריינק. מען דארף דערום וואהנען אין אזוינע דירות, וואו די שטראהלען פון דער זון קומען וואס מעהרער צו, אונ די שטראהלען פון דער זון דארף מען אין־קיין אפטייק נישט קויפען דאס שענקט אונז די נאטור אומזיסט.

אהיימיש מיטעל אויף זומערשפרענקליך. איידער מען לעגט זיך שלאפען, יעדען טאג, שמירט מען זיי מיט וויין־עסיג, וואס איז פריהער אויפגעגאסען געווארען אויף געריבענעם חריין. דער עסיג מיט'ן חריין מוז זיין אין א גוט פערשטאפטע פלאש.


Мыловаренный заводъ Я. И. Ноткина, г. г. Минскъ.

נעמט אן איין צו גרינדען זאוואדען פון וועש- אונ טואליעט-זייפען, מיט אלע איינריכטונג צו דעם אין יעדוועדער שטאדט, אונ דארט אויפען ארט אויס צו לערנען דעם אייגענטימער. לערנט אויך אויס די ארבייט גרינדליך ביי זיך אויפען זאוואד. אונ איינינע סארטען זאגאר דורך בריעף.

אויף מיינע בעוואוסטע „נאפט-זייף" צו וועש, זוך איך איבעראל אגענטען אונ פערטרעטער בא זעהר גוטע בעדינגונגען.

(22) אדרעסע: 52—2

Мыловаренный заводъ Я. И. Ноткина, г. г. Минскъ.

1) יודישע פאלקסליעדער פון מ. מ. ווארשאווסקי מיט אפארעדע פון שלום-עליכם.

2) נאטען צו די „יודישע פאלקסליעדער" פון מ. מ. ווארשאווסקי.

פרייז פאר ביידע צוזאמען 1 רובל, מיט פארטא 1 רובל 10 קאפ. רעקא-מענדירט נאך 7 קאפ.

הויפט-פערקויף פיר איינצעלנע אונ בוכהענדלער:

פערלאג „תושיה" ווארשא נאוואליפקי 7.

Книгоизд. „Тушія" Варшава.

Verlag »Tuschijah« Warschau.

יודישע

פאלקס-צייטונג

א וואכען-בלאט

פאר אלע יודישע אינטערעסען.

דאס בלאט איז די ערשטע יודישע צייטונג וועלכע

דרוקט זיך מיט נקודות

אונ דעריבער איז זי די

איינציגע יודישע פאלקס-צייטונג

וואס אלע קלאסען יודען קענען זי לייענען אונ גרינג פערשטעהן.

אין דער צייטונג ארבייטען די בעסטע יודישע שרייבער.

אין יעדען נומער געפינט זיך:

שלום-עליכם'ס א פעליעטאן.

פרייז פאר א פיערטעל יאהר

1 רובל 1 רובל

צוזאמען מיט דער וועכענטליכער צייטונג

„יודישע פרויען-וועלט"

נאך 25 קאפ'.

פיר אנדערע לענדער לויט דעם קורס.

(מען קען שיקען מיט קראנען, מארקען, פראנקען, שילינג אונ דאלאר אבער ניט פאסט-מארקען).

אדרעסע פיר עסטרייך-אונגארן אונ אנדערע לענדער:

Administration

„Judische Volks-Zeitung", Krakau.

אדרעסע פיר רוסלאנד:

Книгоиздат. „ТУШIЯ", Варшава

для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ".


Herausgeber Verlag »Volksbildung«. Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher, Krakau. Druck v. S. L. Deutscher, Podgórze b. Krakau